נומער 20.2

עקזעקיוטיוו באפעל

**פארצוזעצן די דעקלעראציע פון א גאנץ-סטעיט׳יגע דיזעסטער עמערדזשענסי צוליב די אנגייענדע פארשפרייטונג פון דעם מאָנקי-פּאָקס ווייִרוס אין סטעיט ניו יארק**

**אזוי ווי,** דער מאָנקי-פּאָקס ווירוס איז דערקלערט געווארן א ז פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי פון אינטערנאציאנאלע זארג דורך דער וועלטס געזונטהייט ארגאניזאציע פון יולי 23, 2022 אן;

**אזוי ווי,** צוליב די אנגייענדע פארשפרייטונג פון דעם מאָנקי-פּאָקס ווירוס און די מערקווירדיגע ריזיקע וואס דער ווירוס פאראורזאכט פאר מענטשליכע געזונטהייט, איז דער מאָנקי-פּאָקס ווירוס דערקלערט געווארן א באלדיגע דראונג צו פובליק געזונטהייט דורך דעם ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער אנגעהויבן פון יולי 28, 2022, אן;

**אזוי ווי,** ביז סעפטעמבער 27, 2022, זענען געווען 3857 פעלער פון מאָנקי-פּאָקס באריכטעט אין ניו יארק סטעיט;

**אזוי ווי,** ארטיגע העלט דעפארטמענטס טוען זיך אקטיוו אפרופן צו דעם מאָנקי-פּאָקס אויסברוך דורך אויספארשונג שטיצע, קאנטאקט דערקענונג און באאבאכטן, וואקסין אדמיניסטראציע פאר אויסגעשטעלטע קאנטאקטס און פאקוסירט אויף איצטיגע הויכע-ריזיקע טיילן פון דער באפעלקערונג, און בילדונג און ארויסזוך-באמיאונגען;

**אזוי ווי,** די ניו יארק סטעיט רעגירונג מוז שטיצן די מוניציפאליטעטן, ארטיגע אינסטאנצן און קאונטיס אין זייערע באמיאונגען צו פארמיטלען און אדמיניסטרירן וואקסינאציעס און טעסטס פאר מאָנקי-פּאָקס, און צו פארמיידן דעם ווייִרוס פון זיך ווייטער פארשפרייטן;

**אצינד, דעריבער,** טו איך, קעטי האוקול, גאווערנער פון סטעיט ניו יארק, דורך די אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיך דורך דער ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע און די געזעצן פון דעם סטעיט ניו יארק, איצט פארלענגערן דער סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי פארגעלייגט אין דעם עקזעקיוטיוו באפעל 20, און פארזעצן ווייטער די טערמינען, באדינגונגען, און אפשטעלונגען אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 20, ביז אקטאבער 27, 2022, על תנאי אז די פאלגענדע ענדערונגען וועלן אריינגיין אין קראפט:

- די צייטווייליגע ענדערונג פון אפטייל 2 פון טייל 6801 פון דעם עדיוקעשען געזעץ און 63.9 פון טיטל 8 פון דעם NYCRR, אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 20, אויף אזוי ווייט ווי אזעלכע ענדערונגען האבן אויטאריזירט פארמאסיסטן צו געבן וואקסיאציעס קעגן מאָנקי-פּאָקס אין איינקלאנג מיט א נישט-פאציענט ספעציפישע באפעל, ווערט געענדערט אויף ווי ווייט נייטיג צו ערמעגליכן פאר פארמאסיסטן צו אויך געבן וואקסיאציעס קעגן מאָנקי-פּאָקס אין איינקלאנג מיט א פאציענט ספעציפישע באפעל; און
- די צייטווייליגע ענדערונג פון אפטייל 6 פון טייל 6527 פון דער עדיוקעשען געזעץ, אפטייל 4 פון טייל 6909 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ, און טייל 64.7 פון טיטל 8 פון דעם NYCRR, אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 20, אויף אזוי ווייט אז אזא ענדערונג ערמעגליכט פאר פיזיקער און סערטיפייד נורס פראקטיצירער ארויסצוגעבן א נישט-פאציענט ספעציפישע רעזשים צו מענטשן ערלויבט דורכ׳ן געזעץ אדער דורך דעם עקזעקיוטיוו באפעל צו אדמיניסטרירן וואקסיאציעס קעגן מאָנקי-פּאָקס, ווערט געענדערט אויף ווי ווייט נייטיג צו ערמעגליכן פאר דאקטוירים און סערטיפייד נורס פראקטיצירער אויך ארויסצוגעבן פאציענט-ספעציפישע באפעלן צו גע׳לייסענס׳טע פארמאסיסטן פאר דער אדמיניסטראציע פון אימוניזאציעס אויף צו פארמיידן מאָנקי-פּאָקס.

ג ע ג ע ב ן   אונטער מיין האנט און דעם עמטליכן זיגל פון דעם סטעיט אין
דער שטאט אלבאני דעם זיבן און צוואנציגסטן טאג אין
סעפטעמבער אין דעם יאר צוויי טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער